# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:27
מוצאי שבת קודש............8:56

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................שמואל-א כ'
בבלי.......................חולין קי"ד
ירושלמי............בבא בתרא ל'
תוספתא............בבא בתרא ח'
רמב"ם....................תעניות ד'

פרשת תצא, ט' אלול, אבות פרק א-ב, שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 46 (765)


## אַ וָואוּרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"י) אַז אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי בְּחִירָה?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אַרְבֶּעט זֵייעֶר פָּשׁוּט. אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט, טוּסְטוּ; אוּן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט, טוּסְטוּ נִישְׁט"... זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ ווִיסְן, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אַז זֵיי רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּחִירָה אוֹיף דֶעם, זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה, אַז עֶר ווִיל טוּט עֶר, אוּן אַז עֶר ווִיל נִישְׁט טוּט עֶר נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **כִּי תֵצֵא**, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ**, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַּיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אִים מַאכְן טוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז, **וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דַיינֶע הֶענְט, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט פָאלְגְן. אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר **וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

ווָאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵצֵא ב)

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ז) אַז וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה וֶועט נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קנ"א:) "וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן הָאט מֶען רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אִין הִימְל", אוּן נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת ל"ג.) "אוֹיף אַ שׁוֹטֶה טָאר מֶען נִישְׁט רַחֲמָנוּת הָאבְּן", קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט צְדָקָה מוּז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן שֵׂכֶל וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים פוּן הִימְל, אוּן אַז עֶר הָאט שׁוֹין שֵׂכֶל וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן עֲבֵירוֹת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טוּט נָאר אַן עֲבֵירָה וֶוען עֶר וֶוערְט מְשׁוּגָע (סוֹטָה ג').

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **כִּי תֵצֵא**, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, **לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ**, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַּיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אִים מַאכְן טוּהן עֲבֵירוֹת. **וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ**, אוּן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים. **בְּיָדֶךָ**, זָאלְסְטוּ גֶעבְּן צְדָקָה מִיט דִי הַאנְט, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת. אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר **וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ**, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט צְדָקָה, וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁלֶעכְטְן יֵצֶר הָרַע.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵצֵא ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### תְּשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַכִּפּוּרִים בַּיים דַאוֶונֶען, בַּיים זָאגְן: "וּנְתַנֶּה תֹּקֶף" – טוּעֶן אַלֶע שְׁרַייעֶן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת: "וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה", דוּרְךְ תְּשׁוּבָה, דוּרְךְ תְּפִלָּה אוּן דוּרְךְ צְדָקָה – נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת; אַוַודַאי אִיז גוּט נִתְעוֹרֵר צוּ וֶוערְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל וַוארְט נִישְׁט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַכִּפּוּרִים, עֶס זָאל זַיין אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה חַס וְשָׁלוֹם אוּן דַארְפְן דֶעמָאלְט דָאס מְבַטֵּל זַיין, דֶער וָואס הָאט שֵׂכֶל נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג פוּן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל',

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט וֶוען דַיין וַוייבּ אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, עֶנְקֶער בֶּעבִּי וֵויינְט טָאג אוּן נַאכְט אָן אוֹיפְהֶער – זָאלְסְטוּ זִיךְ מֶער קָאנְצֶענְטְרִירְן אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אִיר אוֹיסְרֶעדְן; דָאס וֶועט אִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דִי צַייט וָואס עֶנְק גֵייעֶן אַרִיבֶּער.

דֶער עִיקָר וָואס אַ מַאן דַארְף גֶעבְּן פַאר זַיין וַוייבּ – אִיז אַן אֹזֶן קַשֶּׁבֶת, אַן אוֹיעֶר אוֹיסְצוּהֶערְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע וָוארְט פוּן הָרַב ר' יִצְחָק שְׁלִיטָ"א, דֶער מַאן אִיז זִיךְ מְחַייֵב אִין דִי כְּתוּבָּה: "וְאָנָא אֶפְלַח וְאֵיזוּן וַאֲפַרְנֵס יָתִיכִי", וָואס אִיז דִי דָאפְּלְטֶע לָשׁוֹן? זָאגְט עֶר, 'אֵיזוּן' אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן אֹזֶן קַשֶּׁבֶת; סֵיי גֶעבְּן שְׁפַּייז, אוּן סֵיי גֶעבְּן דִי אוֹיעֶר אוֹיסְצוּהֶערְן אוּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אִירֶע גֶעבְּרוֹיכְן.

הָעִיקָר שְׁטַארְק דִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, דַאנְקְט אִינְאֵיינֶעם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים אַז עֶנְק הָאבְּן אַ מִשְׁפָּחָה, אוּן פַאר אַלֶע חֲסָדִים; דָאס דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵצֵא תשפ"ו)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# קוּם קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מֶען דַארְף זִיךְ גְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פְרֶעג נִישְׁט קֵיינֶעם וֶועגְן פָארְן קַיין אוּמַאן, טוּ וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; גְרֵייט אָן אַ טִיקֶעט, אַ פַּאסְפָּארְט - אוּן קוּם קַיין אוּמַאן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר עֶטְס - מַיינֶע תַּלְמִידִים - זֶענֶען תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט
הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ו)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּשׁוּבָה

נג. מִי שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת מַעֲשִׂים טוֹבִים וְיֵשׁ לוֹ מְנִיעוֹת, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשַׁלֵּם לוֹ שָׂכָר כְּאִלּוּ עָשָׂה, וּמִי שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה לְפִי יְכָלְתּוֹ, אֲזַי מְקַבֵּל עֹנֶשׁ עַל זֶה. וֶוען אֵיינֶער וִויל טוּן גוּטֶע זַאכְן, אוּן עֶר קֶען עֶס נִישְׁט טוּן, צָאלְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׂכַר אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט עֶס גֶעטוּן; אָבֶּער וֶוער עֶס טוּט נִישְׁט כָאטְשׁ וִויפִיל עֶר קֶען יָא, וֶוערְט עֶר בַּאשְׁטְרָאפְט אוֹיף דֶעם.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

מִיט 'תְּשׁוּבָה' עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן אִיז עוֹסֵק אִין 'תְּפִלָּה', אוּן גֶעבְּט 'צְדָקָה'; וַוייל דִי דְרַיי זַאכְן דַארְף מֶען טוּן אַ גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דִי זַאכְן זֶענֶען מְרוּמָּז אִין דִי וָוארְט 'אֱלוּל' (קִיצּוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ סִימָן קכח, סְעִיף א), 'תְּשׁוּבָה' אִיז מְרוּמָּז אִינֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים ל, ו): "וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶ'ת לְ'בָבְךָ וְ'אֶת לְ'בַב זַרְעֶךָ", וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'אֱלוּל', חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי צַייט פוּן 'תְּשׁוּבָה'; 'תְּפִלָּה' אִיז מְרוּמָּז אִינֶעם פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ו, ג): "אֲ'נִי לְ'דוֹדִי וְ'דוֹדִי לִ'י", וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'אֱלוּל', אִין דֶעם חוֹדֶשׁ דַארְף מֶען עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה, דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, בֶּעטְן פַאר אַ גוּט יָאר, אוּן בֶּעטְן אוֹיסְצוּמֶעקְן אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן; אוּן 'צְדָקָה' אִיז מְרוּמָּז אִינֶעם פָּסוּק (אֶסְתֵּר ט, כב): "אִ'ישׁ לְ'רֵעֵהוּ וּ'מַתָּנוֹת לָ'אֶבְיֹנִים", וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'אֱלוּל', אִין דֶעם חוֹדֶשׁ דַארְף מֶען עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן גֶעבְּן צְדָקָה; ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּטְן, עֶר נִיצְט אוֹיס דִי 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט 'תְּשׁוּבָה', 'תְּפִלָּה' אוּן 'צְדָקָה'; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ 'מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה', עֶר וֶועט אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע גְזֵירוֹת רָעוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

### אַרָאפּ אוּן אַרוֹיף

וֶוען עֶס קוּמְט 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' וֶוערְט יֶעדֶער אִיד זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר צוּ תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער אֵיינֶער זוּכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער עִיקָּר וֶועג צוּ תְּשׁוּבָה אִיז צוּ זַיין: "בָּקִי בְּרָצוֹא, וּבָקִי בְּשׁוֹב", 'בָּקִי בְּרָצוֹא', מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אַלְץ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, אוּן אַז וִויפִיל מֶען טוּט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף מֶען אַלְץ בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן גְלוּסְטְן - צוּ טוּן נָאךְ מֶער, אוּן אוֹיךְ דַארְף מֶען זַיין 'בָּקִי בְּשׁוֹב', מֶען דַארְף וִויסְן אַז אוֹיךְ וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען זֶעט זִיךְ אַזוֹי וַוייט פוּן יֶעדֶע סָארְט מַדְרֵיגָה פוּן קְדוּשָּׁה, אוֹיךְ דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אוֹיךְ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין - אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט מְיַאֵשׁ זַיין – צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו): "וּכְשֶׁרוֹצֶה אָדָם לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה", וֶוען מֶען וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "צָרִיךְ לִהְיוֹת בָּקִי בַּהֲלָכָה", דַארְף מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְקֶענֶען וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט, "וְצָרִיךְ לִהְיוֹת לוֹ שְׁנֵי בְּקִיאוּת", צוּ הָאבְּן דִי צְוֵויי הַקְדָּמוֹת, "הַיְנוּ בָּקִי בְּרָצוֹא, בָּקִי בְּשׁוֹב", פוּן בָּקִי בְּרָצוֹא אוּן בָּקִי בְּשׁוֹב, סַיי וֶוען מֶען אִיז מַצְלִיחַ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען קוּקְט זִיךְ אָן וִוי מֶען אִיז שׁוֹין הוֹיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קלט, ח): "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם", אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אִין הִימְל, דָאךְ דַארְף אִיךְ בֶּענְקֶען צוּ גֵיין נָאךְ הֶעכֶער, 'שָׁם אָתָּה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאךְ הֶעכֶער, אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז 'וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל', מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְלָן, 'הִנֶּךָּ', אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָא מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נָאר אַז מֶען הָאט דִי בֵּיידֶע הַקְדָּמוֹת – קֶען מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי טֶעג פוּן 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל' מִיט דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן טוּן גְמִילַת חֲסָדִים, אַלְץ פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן מֶער אוּן מֶער, אוּן אוֹיךְ וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ אַזוֹי וַוייט, מֶען אִיז אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, אוּן אוֹיךְ אִיךְ קֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארֶעכְטְן אוּן צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

(קוּנְטְרֵס חוֹדֶשׁ אֱלוּל)

<<<<<< נייעס

וויפיל ער פארשטייט, יעדער קען זיך דורך דעם מקשר זיין צום אויבערשטן און צו די הייליגע תורה. דער ניגון ווערט געזונגען דורך די זיסע שטימע פון א "ילד הפלא", וואס געבט צו א מורא'דיגן הארציגן טעם צום ניגון.

**6. אן אוצר**

א פרייליכער און לעבעדיגער ניגון, אין וועלכן א איד רעדט צום אויבערשטן און נעמט זיך פאר פון היינט אן צו זיין גוט, צו לערנען פלייסיג די הייליגע תורה און צו רעדן צום אייבערשטן: "באשעפער, איך וויל שוין פון היינט זיין גוט, לערנען פלייסיג די הייליגע תורה" - "מקרא, משנה, גמרא, מדרש", און דער איד בעט זיך: "באשעפער, העלף מיר איך זאל דאס אלעס קענען דורכזאגן".

**7. די בעסטע זאך**

א איד בענקט צום אייבערשטן און זאגט: "באשעפער, איך ווייס אז די בעסטע זאך אויף דער וועלט איז זיין נאנט צו דיר". אפילו ווען ס'איז שווארץ, אפילו ווען מען גייט דורך די שווערסטע נסיונות, בענקט א איד צום אייבערשטן: "דאך זע מיין הארץ, ווי איך קוק ארויס צו דיר, טאטע; אוי טאטע, איך בעט דיר, העלף מיר".

**8. נקודות טובות**

א פרייליכער ניגון וואס דערמאנט דעם איד צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן פאר אלעם גוטס, בפרט פאר די גרעסטע מתנה – אז מען איז א איד און מען האט אזויפיל מצוות. א ניגון וואס ברענגט אריין א שמחה של מצוה.

**9. וואס וועט זיין מיט מיר**

א ניגון פון חשבון הנפש. א איד מאכט א חשבון הנפש און בעט דעם אויבערשטן אז ער וויל זיין אן ערליכער איד; ער דרוקט אויס זיין אמת'ן רצון צו זיין נאנט צום אויבערשטן.

**10. נשמה**

א הארציגער תפילה-ניגון, וואו א איד בעט זיך ביים אייבערשטן אז ער זאל שוין רחמנות האבן אויף אים.

א באזונדערע און ווארעמע הכרת הטוב קומט זיך פאר'ן באגאבטן בעל מנגן מו"ה **חיים מאיר ערפס** הי"ו, וועלכער איז געשטאנען בראש פונעם הייליגן פראיעקט. ער האט געארבעט מיט אומערמידליכע כוחות כדי דער אלבום זאל ארויסקומען אויפ'ן העכסטן פראפעסיאנעלסטן אופן, און האט אינוועסטירט גאר גרויסע סומעס געלט – אן שפארן קיין געלט און כוחות – אז די קוואליטעט פונעם אלבום זאל זיין אויף די סאמע אבסאלוט העכסטע סטאנדארטן וואס מען קען היינט דערגרייכן.

די הארציגע און ווארימע געזאנג פונעם **ראש ישיבה שליט"א** איז אפגעכאפט און רעקארדירט געווארן אין די באקאנטע **דידיאם סטודיאס**.

די הערליכע כאר איז מייסטערהאפטיג אנגעפירט געווארן דורך ר' **אלי' שפריי**, מיט זיין גאנצער חבריא פון חשוב'ע בעלי מנגנים: ר' יוסי הערשטיק, ר' מיכאל וויינבערגער, ר' יוסי וויינבערגער, און ר' שלומי אלבוים; זיי זענען פראפעסיאנעל רעקארדירט געווארן אין **MW סטודיאס**.

דער אלבום איז רייך און מייסטערהאפטיג אראנזשירט געווארן דורך ר' **ליפא בראך פראדאקשנס** וועלכער האט אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות, זיך אפגעגעבן מיט די פילע מוזיקאלישע דעטאלן און שווער געהארעוועט זיכער צו מאכן ארויסצוגעבן א דבר השלם. יישר חילם.

מען קען באקומען דעם אלבום ביי אלע מפיצים, ווי אויך קען מען עס הערן אויף "קול ברסלב", דרוקט 1 פאר אידיש, 6 פאר היכל נגינה, 1 פאר אלבומס, און דאן 13 פאר די נייע אלבום.

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי שַׁאפְט מֶען גֶעלְט?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

לֶעצְטְנְס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט גֶעלְט, אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט דֶעקְן דֶעם חוֹדֶשׁ, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעהַאט עֶקְסִידֶענְט, אִיךְ הָאבּ אַרֵיינְגֶעקְרַאכְט אִין אַ צְוֵוייטֶער קַאר, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל עֶפֶּעס פוּן מִיר.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן? וָואס דַארְף אִיךְ פַּארְרֶעכְטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מָמוֹן חֵלֶק א', סִימָן צז): **"מִי שֶׁאֵין לוֹ פַּרְנָסָה"**, וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, **"יַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה"**, זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה, **"וְאַחַר כַּךְ יִתְפַּלֵּל עַל פַּרְנָסָה"**, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר דַאוֶונֶען אוֹיף פַּרְנָסָה, **"בְּוַדַּאי יִתְקַבֵּל תְּפִילָּתוֹ"**, וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע תְּפִילּוֹת; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא וַהֲלָכָה, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מַאכְן אַ נֵס אוּן גֶעבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

נָאךְ אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִּים, דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כט), אַז זָאגְן דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף פַּרְנָסָה.

נָאךְ אַ סְגוּלָה אִיז דָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ זַיין פְרֵייליךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גוֹי. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת שָׁם, סִימָן מז): **"הַשִּׂמְחָה תְּמִידִית מְסוּגָּל לְהַצְלָחָה"**, זַיין פְרֵייליךְ אִיז מְסוּגָּל פַאר הַצְלָחָה, אוּן פַארְקֶערְט, (שָׁם, סִימָן פט): **"הָעַצְבוּת"**, זַיין דֶערְבִּיטֶערְט, **"מַפְסִיד הַפַּרְנָסָה"**, מַאכְט שָׁאדְן דִי פַּרְנָסָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה. אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ו)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רנז)

**תתכ**

שְׁפֶּעטֶער, אִין דִי סְפִירָה טֶעג, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ פָארְן קַיין לֶעמְבֶּערְג, מֶען הָאט צוּגֶעגְרֵייט אַלֶעס וָואס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס פַאר דִי רֵייזֶע, מֶען הָאט אַרֵיינְגֶעלֵייגְט אַלֶע זַאכְן אִין זֶעק וִוי דֶער סֵדֶר אִיז וֶוען מֶען לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן אַלֶעס אִיז שׁוֹין גְרֵייט צוּ קֶענֶען זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף דִי נְסִיעָה.

**תתכא**

אִינְצְוִוישְׁן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי יְדִיעָה צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן ר' נַפְתָּלִי מִיט נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, אַז דֶער רֶבִּי גְרֵייט זִיךְ אַרוֹיסְצוּפָארְן אוֹיף דֶעם וַוייטְן וֶועג בִּיז צוּם שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גְלַייךְ צוּגֶעיָאגְט צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, זִיךְ צוּ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן אִים.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָבֶּער אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב צוּם רֶבִּי'ן, הָאט שׁוֹין דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעצוֹיגְן פוּן דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה, עֶר הָאט מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט פָארְן. בִּשְׁעַת וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען זֶענֶען נָאךְ אַלֶע זַאכְן גֶעוֶוען פַארְפַּאקְט אִין דִי זֶעק.

זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אִין דֶעם גֶעוַואלְדִיגֶע עִנְיָנִים אוּן

<<<<<<

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת, אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעוָואלְט פָּארְן אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר צוּרִיק גֶעצוֹיגְן.

אֵיינְמָאל שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן דֶעם, אַז דִי מִדָּה קוּמְט פוּן אַ גִלְגוּל, דָאס הֵייסְט אַז דֶער גִלְגוּל מַאכְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן דִי מִדָּה אַז מֶען זָאל אַלְץ וֶועלְן פָּארְן אִין וֶועג, אוּן שׁוֹין זַיין גְרֵייט צוּ פָּארְן, אוּן נָאכְדֶעם זָאל זִיךְ עֶס נִישְׁט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אוּן מֶען זָאל לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט פָּארְן.

**תתכב**

פַּאר שָׁבוּעוֹת הָאט זִיךְ פוּן פְרִישׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיף רֶבִּי נָתָן גָאר שְׁוֶועֶרֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע מְנִיעוּת אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף שָׁבוּעוֹת, אוּן זַיינֶע גְרֶעסְטֶע בִּלְבּוּל אִיז גֶעוֶוען דָאס וָואס מֶען הָאט אִים צוּגֶערֶעדְט אַז עֶר זָאל פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אַלֵיין אוֹיבּ עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף שָׁבוּעוֹת, אוֹיבּ עֶר מֶעג זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג מַאכְן פוּן דִי שְׁוֶועֶרֶע מְנִיעוּת.

אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז אוֹיבּ רֶבִּי נָתָן וָואלְט וֶוען גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס צוּ טוּן, וָואלְט דֶער רֶבִּי אִים זִיכֶער נִישְׁט גֶעלָאזְט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף שָׁבוּעוֹת בְּשׁוּם אוֹפָן, וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, כָּאטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוּת אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן יָא קוּמֶען צוּ אִים, פוּן דֶעסְט וֶועגְן, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוֹיף דֶעם, מֶען דַארְף אִיבֶּערְקוּמֶען גְרוֹיסֶע אוּן שְׁוֶועֶרֶע מְנִיעוּת עֶס צוּ קֶענֶען דוּרְכְפִירְן, הָאט דֶער רֶבִּי אַלְץ אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט יֶענֶעם גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען, אוּן עֶר הָאט אִים אָנְגֶעוָוארְנְט אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ קוּמֶען צוּ אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַסַאךְ טַעֲמִים אוֹיף דֶעם, פַארְוָואס עֶר עֶנְטְפֶערְט אַזוֹי וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִים, אוּן דָאס הָאט טַאקֶע גֶעמַאכְט אַז אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל גְלַייךְ וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ מֶען זָאל קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ קוּמֶען.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייער מוזיק אלבום: "וואס מיינט א רבי?"

געלויבט דעם אייבערשטן, אז טראץ וואס עס איז אריבער א לאנגע תקופה וואס עס איז נישט ערשינען קיין נייע אלבום, איז יעצט ברוך ה' ארויסגעקומען א הערליכע נייע אלבום פונעם ראש ישיבה שליט"א, מיט'ן נאמען "וואס מיינט א רבי"?

דער אלבום איז א המשך צו די פילע אלבומס וואס זענען שוין ארויסגעקומען במשך די יארן און האבן מחי' געווען אידישע קינדער דורך ניגונים וואס געבן אריין חיזוק, עצות, און פשוטע ריינע אמונה. די אלבומס בלאזן אריין א רוח חיים אין אידישע קינדער, אז נישט קיין חילוק וואס מען גייט דורך, איז אלעמאל דא א וועג זיך צוריקצוקערן צום אויבערשטן.

די ניגונים רעדן פון אמונה, תפילה, התבודדות, תורה, און נקודות טובות, און פון זיך שטארקן און נישט אויפגעבן. דאס זענען עצות וואס זענען פשוט פראקטיש - זאכן וואס א מענטש קען נעמען מיט זיך און אויספירן אינעם טאג-טעגליכן לעבן.

ווער עס האט נאר אויסגעהערט וועט מעיד זיין, אז דער אלבום וועט נישט זיין עפעס וואס מען הערט איין מאל און מען פארגעסט דערפון, נאר מען וועט עס קענען הערן און איבערהערן אן ווערן זאט. איינע פון די גרעסטע מעלות פארוואס דער אלבום ציעט אזוי שטארק, איז צוליב דעם פאקט וואס דער ראש ישיבה שליט"א אליינס זינגט דערויף. די הארציגע שטימע און די דברים היוצאים מן הלב געבן פאר די ניגונים א חן שלא מעלמא הדין, און די ניגונים מיט זייער מעסעדזש דרינגען אריין טיף אין הארץ.

דער אלבום איז ספעציעל פאסיג פאר התבודדות; ווען א מענטש זעצט זיך אוועק מיט דעם אלבום, עפנט עס אים דאס הארץ און ער קען זיך אויסרעדן צום אויבערשטן, אים דאנקען און בעטן אויף ווייטער.

די צען ניגונים פונעם אלבום זענען פארשידנארטיג – פרייליך, בענקענדיג, און אלעס אינצווישן – אבער אלע בלייבן מיט דעם זעלבן יסוד: דער אויבערשטער איז מיט מיר, איך וויל זיין נאנט צו אים, און איך געב נישט אויף.

פאלגנד זענען צען הערליכע ניגונים אויפ'ן אלבום:

**1. וואס איז א רבי?**

דער ניגון און דער נאמען פונעם אלבום אליין. דער ראש ישיבה ערקלערט אויף א פשוט'ן און קלארן אופן פארוואס א איד גייט צו א צדיק, צו א רבי, ווייל דער צדיק ברענגט אים נענטער צום אויבערשטן. דער ניגון העלפט דעם צוהערער פארשטיין וואס דער קשר דארף זיין צווישן א איד און זיין רבי.

**2. איך וויל זיין א איד**

אן הארציגער ניגון ספעציעל פאסיג פאר התבודדות. א איד עפנט דאס הארץ צום אויבערשטן און בעט זיך אז ער וויל זיין אן ערליכער איד. די ווערטער זענען פשוט אבער זייער טיף, א מענטש רעדט פון הארץ און זאגט פאר'ן אויבערשטן וואס ער וויל באמת.

**3. זיין גוט**

א פרייליכער טאנץ ניגון מיט די הארציגע ווערטער: "ש'כח באשעפער אז איך בין א איד, העלף מיר טאטע איך וויל זיין גוט".

**4. אייביג מיט מיר**

א שיינער ניגון איבער א איד וואס גייט דורך שווערע צייטן. דער ס"ם פרובירט אים אראפצווארפן, אבער דער איד שטארקט זיך מיט דער ידיעה אז דער אייבערשטער איז אלעמאל מיט אים. אפילו אין שווערע מינוטן איז מען קיינמאל נישט אליין.

**5. איך קען נישט לערנען**

א לעכטיגער ניגון איבער דעם באקאנטן "סדר דרך הלימוד" פונעם הייליגן רבי'ן, א מהלך וואס יעדער איינער קען נוצן. ס'איז נישט קיין חילוק וואס א מענטש גייט דורך, און ס'מאכט נישט אויס

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שמחה סאלז** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **מנשה איצקאוויטש** הי"ו בארא פארק
**צו שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין זון**
הבחור **ישראל יוסף איצקאוויטש** נ"י
***
מוה"ר **יעקב לעזער** שליט"א קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון ישראל נ"י למזל טוב**
***
מו"ה **מנשה איצקאוויטש** הי"ו בארא פארק
**צו די אפשערן פון זיין זון אברהם נ"י למזל טוב**

## די הייליגע טעג

שיעורים, דרשות, לימודים, נוסח, און נאך, זיך צוצוגרייטן מיט די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג וואס שטייען שוין ביים שוועל

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**